# צום פינטל

גליון ע

פרשת ויקהל-שקלים תשפ"ד

משיעורי הרב שלום לאנגסאם שליט"א | בהוצאת מכון מישרים


## פרשה

### בצלאל וכשרונות

#### ◆ 'כשרונות' אין די תורה

אין די היינטיגע וועלט הערט מען אסאך די ענין פון 'כשרונות', במיוחד ארויסצוברענגען די כשרונות פון די קינדער. ווי טרעפט מען א 'סמך' אויף די ענין פון 'כשרונות' אין די תורה, די תורה איז דאך בכל מקום ובכל זמן, ווי איז דא א סמך און א חיזוק אין די תורה הקדושה אויף די ענין פון 'כשרונות'.

די הייליגע חתם סופר טייטשט 'אשר מלאתיו רוח חכמה', זאג פאר בצלאל אז איך האב אים אנגעפילט מיט 'רוח חכמה', ברענג ארויס זיינע כוחות 'מכח אל הפועל'. די חובת הלבבות שרייבט דאך אז יעדער מענטש איז פיל מיט כשרונות, מ'דארף עס נאר עפענען און מגלה זיין, איז דאס האט משה רבינו געדארפט עפענען פאר בצלאל, ווי מ'זעט אין די פרשה ווי משה רבינו האט ארויסגעהויבן בצלאל אין פראנט פון גאנץ כלל ישראל, און מיט די גאנצע אריכות און ברייטקייט.

אין פרשת כי תשא איז דער אייבישטער שטארק מאריך אין די כשרונות פון די 'חכמי לב', אויך די וואך איז משה מאריך אין דעם מיט שטארקע לשונות, לשונות וואס מ'טרעפט נישט אזוי אין אנדערע פלעצער אין תנ"ך, 'אשר מלאתיו רוח חכמה', 'ואמלא אותו רוח אלקים', מ'קען מרמז זיין אז דער אייבישטער האט מאריך געווען אין דעם, כדי זיי אויפצוהייבן, צו געבן חיזוק פאר די חכמי לב אין זייערע כשרונות. און דאס איז די התפעלות'דיגע לשון, 'ראה קראתי בשם בצלאל וגו'' (און די וואך אין ויקהל זאגט משה רבינו 'ראו קרא ה' בשם'), דער אייבישטער האט אויסגערופן דעם בצלאל מער ווי א יעדן איינעם, דער אייבישטער האט אים ארויסגעשטעלט (רמב"ן).

נאך א 'סמך' אויף די ענין פון 'כשרונות' האט איינער צוגעצייכנט צו די 'ברכת יעקב', די ספרים הקדושים זענען מסביר אז יעקב האט ארויסגעברענגט פאר יעדעם איינעם זיין נאטור און זיין מיוחד'דיג'קייט. און דארט זעט מען אז די 'כשרונות' דארף ווערן ארויסברענגט פאר גוטע זאכן, די מפרשים זענען מסביר די מעשה דארט מיט ראובן און שמעון, אז זייערע כשרונות זענען נישט ארויסגעקומען פאר גוטע זאכן. און דאס איז די מעלה דא ביי די כשרונות פון די 'חכמי לב', אז ס'איז ארויסגעקומען אויף אזא גוטע זאך, אויף די הייליגע עבודה פון מלאכת המשכן.


**דער וואס האט געפילט אז ער האט א באהאלטענע כשרון, דער איז געקומען צו משה רבינו מיט א 'נשיאת לב'**


#### ◆ נשאו לבו בחכמה

די נדבנים פאר די משכן ווערן אנגערופן 'נדיבי לב', און די חכמים וואס האבן געהאלפן מיטן בויען, ווערן אנגערופן 'נשיאי לב', 'ויבאו כל איש אשר נשאו לבו וכו'' (כא כה), 'וכל הנשים אשר נשא לבן אותנה בחכמה טוו את העיזים' (לה כו), וואס איז דאס 'נשיאת לב' בכלל, און וואס האט דאס במיוחד מיט די 'חכמי לב'.

דער אבן עזרא זאגט אז 'נשיאת לב' מיינט אז זיין הארץ האט אים דערהויבן צו זיין מער ווי זיינע חברים. א 'פאַכמאן' איז נישט דוקא איינער מיט געלאנגענע הענט, א פאַכמאן איז בעיקר איינער וואס האט א ברען, די הארץ איז אים אויפגעהויבן, ס'ברענט אים ארויסצוברענגען זיין הצלחה אין 'אומנות', ער זעט 'זיך' אין 'אומנות', ער זעט ווי זיינע 'כשרונות' קומען ארויס אין 'אומנות', עפעס במיוחד מער ווי אנדערע, דאס איז א אומן, איינער מיט א נשיאת לב אין זיין נקודה. די יודן זענען יעצט ארויסגעקומען פון מצרים, זיי האבן נישט געקענט די אלע דקות'דיגע און איידעלע מלאכות, אבער דער וואס האט געפילט אז ער האט א באהאלטענע כשרון, דער איז געקומען צו משה רבינו מיט א 'נשיאת לב', ווי די פסוק זאגט 'ויגבה לבו בדרכי ה'' (עי' רמב"ן).

איינער וואס פילט נישט קיין 'נשיאת הלב', ער האט נישט די קאנפדענץ אין דעם, אזא איינער זאל נישט קומען, ס'גייט נישט געשען א נס למעלה מדרך הטבע, ס'גייט אים נישט אריינפליען די חכמה אין קאפ אריין. אבער איינער וואס פילט יא א 'נשיאת הלב', ער פילט אז ער איז געמאכט פאר דעם, אזא איינער זאל קומען זיך מקרב זיין צו די מלאכה, און אזא איינער וועט באקומען הילף פון אויבן, ער זאל טאקע קענען ארויסברענגן זיינע כוחות 'מכח אל הפועל'. און דאס איז אויך וואס ס'שטייט ביי די נשים (לה כו) 'וכל הנשים אשר נשא לבן אותנה בחכמה', נאר אזעלכע פרויען וואס האבן געשפירט עפעס מיוחד'דיג מיט זייער חכמה, נאר די פרויען וואס האבם געפילט א 'נשיאת לב' מיט דעם, נאר זיי זענען געקומען העלפן מיטן שפינען.

'נדיב לב' מיינט א ווייעכע הארץ, 'נדיב' טייטשט 'רינען', א צורינענע הארץ ('נדיב' איז פון די לשון 'זיבה ודיבה'), און 'נשיאת הלב' מיינט א ברענעדיגע הארץ (פון די לשון 'שא' און 'אין משיאין משיאות'), איינער וואס ס'ברענט אים ארויסצוברענגן זיינע באהאלטענע כשרונות. די כשרונות ליגן טיף טיף באהאלטן, און נאר מיט א פייערדיגע ברען קען מען זיי ארויסברענגן 'מן ההעלם אל הגילוי'. 'נדבנים' אויף גשמיות לאזן רינען זייערע נכסים פאר גוטע זאכן, און 'נדבנים' אין חכמה זענען 'נשיאי לב', זייער הארץ איז דערהויבן מיט א פייערדיגע ברען ארויסצוברענגן זייער חכמה און אומנות פארן אייבירשטן.

און דאס איז געווען די ארבעט פון משה רבינו צו מחזק זיין בצלאל און די 'חכמי לב', זיי ארויסצוהייבן במיוחד אין זייער

המשך בעמוד הבא

זאך, זיי שטארקן און מחזק זיין אין זייער מלאכה, 'ראה קראתי בשם בצלאל', הייב ארויס די מעלות פון דעם דרייצן יעריגען בחור'ל, און איך גרויסער באשעפער זאג דיר אז ער איז פיל מיט חכמה, 'ראה קראתי בשם', די הייב אים נאר ארויס, און די וועסט זען אז זיין חכמה וועט נתגלה ווערן.

## ◆ ואמלא אותו רוח אלקים

אויף 'בצלאל' זאגט די תורה 'תוארים מופלגים', דער אייבישטער אליינס זאגט 'ואמלא אותו רוח אלקים', ס'שרייט אז 'יש דברים בגו', מ'רעדט נישט דא פון סתם א גשמיות'דיגע חכמות און מלאכות, מ'רעדט דא פון א געטליכע גייסט וואס האט זיך אויסגעפעלט פארן בויען די הייליגע משכן, און די עיקר גרויסקייט זיינע איז געווען אז ער האט געוויסט וויאזוי צו נוצען די רוחניות'דיגע כוחות פאר גשמיות'דיגע מלאכות. בצלאל איז געווען בקי אין 'חכמות טבעיות' און אין 'חכמות אלוקית' (אבן עזרא ואברבנאל). 'יודע היה בצלאל לצרף אותיות שנבראו בהם שמים וארץ', בצלאל האט געקענט מקשר זיין און מצרף זיין 'שמים' צו 'ארץ', ער האט געקענט נעמען די רוחניות'דיגע כוחות וואס מ'האט אים געגעבן פון הימל, און עס ממשיך זיין ביז אונטון אין די גשמיות'דיגע מלאכות.

די וועלטס באשאף איז די העכסטע זאך אין די וועלט, דער אייבישטער אליינס האט באשאפן זיין בריאה 'יש מאין', אבער אז די קוקסט זיך ארום אין די 'בריאה', קוקט אויס אלעס זייער גשמיות'דיג, ווייל דאס גופא איז די חידוש, אז די רוחניות'דיגע וועלטן זענען נמשך געווארן ביז אראפ דא אונטן אין די גשמיות. און דאס איז אויך געווען די חידושביים בויען די משכן דורך 'בצלאל', בצלאל האט געקענט ממשיך זיין די אלע מורא'דיגע חכמה'דיגע כוחות, און עס ברענגען צו די גשמיות'דיגע מלאכות, ער האט געקענט מצרף זיין שמים וארץ, רוחני צו גשמי.

בצלאל האט פארשטאנען צו אלעס, ער האט געקענט מענידזשן אלעס אין איינעם, און ער האט געקענט אויסלערנען פאר יעדן איינעם וואס ער האט צו טון, ווי די פסוק זאגט 'ולהורות נתן בלבו', ער האט באקומען דעם חוש פון אויסצולערנען זיינע אלע חכמות פאר אנדערע, וואס דאס האט אויך א שייכות מיט די כח פון מקשר זיין שמים לארץ, ארויסברענגען די אייגענע כוחות, און עס אראפברענגען פאר די תלמידים.

דאס איז נישט געווען בצלאל'ס אייגענע כוחות, א 'רוח אלקים' האט אים אנגעפולט, ער איז געווען ממש א בר מצוה בחור'ל, און ער האט בכלל נישט געהאט פון וועם זיך צו לערנען די אלע אומניות'ן, ער האט עס געלערנט פון א 'רוח אלקים', וואס דער אייבישטער האט אריינגעגעבן אין אים. ס'איז אונטערסאנט צו טראכטן צו 'בצלאל' האט שוין באקומען די כוחות ביים געבוירן, פון געוויסע מפרשים איז משמע אז יא, ענדליך צו וואס די פסוק זאגט ביי ירמיה הנביא 'בטרם יצרך בבטן ידעתיך וגו''. אבער אין חז"ל איז משמע אז ער האט דאס ער שפעטער באקומען, בזכות די מסירת נפש פון זיין זיידע 'חור', ווען ער האט זיך מוסר נפש געווען ביי די עגל, דעמאלטס איז בצאלאל געווארן אנגעפולט מיט די דאזיגע געטליכקייט.

## ◆ בחכמה בתבונה ובדעת

שטייט אין רש"י און אין אנדערע מפרשים, אז 'חכמה' איז די ידיעות וואס מ'באקומט פון אינדרויסן, 'בינה' איז וויאזוי דער מענטש נעמט אויף די חכמה, וויאזוי ער האט עס ארויס, און 'דעת' איז ווען ער איז שוין גענוג קלאר, ער קען שוין ממשיך זיין די זאך לידי מעשה (רש"י זאגט אז 'דעת' מיינט 'רוח הקודש', ויתבאר לקמיה).

א מענטש ווייסט נישט גארנישט אליינס, ווען א מענטש ווערט געבוירן איז ער ליידיג פון ידיעות און פון חכמה, ער מוז באקומען די כללי החכמה פון אינדרויסן, פון די 'כללי החכמה פון די תורה הקדושה, און להבדיל פון די 'כללי החכמה' פון עניני גשמיות ודרך ארץ, די מענטש אליינס ווייסט נישט גארנישט. נאכדעם וואס דער מענטש האט אריינגענומען די 'כללי החכמה', נאכדעם קומט 'בינה', ער פראבירט צו צופאסן די 'כללי החכמה' צו זיינע אייגענע ענינים, ער פראבירט צו צושטעלן די אלגעמיינע חכמה, צו זיין אייגענע וועלטעל (מבואר היטב במלבים בתחלת ספר משלי).

'בינה' איז 'מבין דבר מתוך דבר', ער פארשטייט זיין פרטיות'דיגע וועלטל לויט ווי די כללות'דיגע וועלטל, ער קען אפלערנען זיינע פרטיות'דיגע ענינים, לפי די 'כללי החכמה' וואס ער האט אריינגענומען, 'מבין דבר מלבו, מתוך דברים שלמד' (רש"י).

'דעת' מיינט 'רוח הקודש' (רש"י). אלס קינד איז מען צוגעוואוינט אז 'רוח הקודש' מיינט וויסן 'עתידות', אבער באמת איז 'רוח הקודש' א כללות'דיגע רוחניות'דיגע כח, א גייסט פון גבורה וואס פילט אָן דעם מענטש און שטופט אים צו טון וואס איז ריכטיג, ענדליך צו וואס שטייט ביי שמשון און ביי יפתח, 'ותחל רוח ד' לפעמו' (שופטים יג כה) 'ותצלח עליו רוח ד'' (שם יד ו, יט טו) 'ותהי על יפתח רוח ד'' (שם יא כט). איז דאס קען אויך מיינען דאס וואס רש"י הקדוש זאגט דא אז 'דעת' מיינט 'רוח הקודש', א העכערע גייסט וואס האט געשטופט די 'חכמי לב' צו ברענגען זייער ארבעט לידי גמר, כאטש וואס ס'איז געווען זייער שווער בדרך הטבע, אבער דורך 'רוח הקודש' וואס דאס איז א כח עליון, האבן זיי זיך געקענט שטארקן און אדורך ברעכן די אלע שווערע זאכן וואס על פי דרך הטבע וואלט נישט געווען מעגליך.

לאמיר נעמען א 'מלאכה' פון די ל"ט מלאכות, און עס באטראכטן מיט 'חכמה בינה דעת', למשל 'מלאכת מבשל', מיט א חכמה'דיג בליק וועט מיינען אז מ'קען די וועלטליכע כללים ביים קאכן, ער ווייסט אז מ'דארף האבן האלץ, מ'דארף האבן פייער, מ'דארף ארויף לייגן די עסן אויפן פייער, אויף צו בראטן לייגסטו עס ארויף אזוי און אזוי, אז די ווילסט קאכן לייגסט עס אזוי, און אזוי ווייטער אלע כללים וואס פעלט זיך אויס צו וויסן ביים קאכן. בינה'דיג וועט מיינען 'מלאכת מבשל', אז מ'ברענגט אריין די אלע 'כללים' אין די אייגענע מציאות החיים, מ'נעמט זיך צוזאם וואס מ'האט, מ'האט האלץ און פייער, מ'האט א טאפ, מ'זעט וויאזוי מ'דארף עס מסדר זיין, צומאל דארף מען האבן די פיפטע שלחן ערוך און 'מדמה זיין מילתא למילתא', מדמה זיין די אייגענע מצב אין 'מלאכת בישול', צו די כללות'דיגע כללים פון בישול.

נאכדעם וואס מ'האט שוין חכמה און בינה, מ'האט שוין די כללות'דיגע ידיעות, און מ'האט שוין אויכט אויסגעחשבונט וויאזוי די זאך קומט אריין ביי מיר אין מיין פרטיות'דיגע לעבן, יעצט דארף מען האבן די כח 'הדעת', יעצט דארף מען האבן א שטארקע גייסט וואס זאל קענען ברענגען די זאך לידי מעשה, ענדליך צו וואס מ'רופט 'קאנפדענט'. 'דעת' לאזט נישט די זאך בלייבן סתם מחשבות בעלמא, 'דעת' שלעפט עס ביז צו די למעשה. די מחשבות זאלן אריינקומען

המשך בעמוד האחרון

### תורה שבכתב ובעל פה

לכבוד דעם וואס ס'שטייט אין די פרשה עטליכע מאל אֶת און עטליכע מאל אֵת, לאמיר זען עטליכע ענינים אין 'טעמי המקרא', און פון דעם וועט מען אויך צוריק קומען צו אֵת און אֶת.

ווען מלייענט אין די 'ספר תורה' איז דא צוויי חלקים, די תורה שבכתב, די פאפיר, אותיות, און ווערטער, און די 'בעל קורא' וואס לייענט מיט די נקודות און די טעמים, וואס דאס איז שוין 'תורה שבעל פה', דער 'בעל קורא' דארף דאס געדענקען פון אויסערווענדיג. יעדער זאך וואס א מענטש לייענט, איז דא די עצם פאפיר, אותיות, און ווערטער, און ס'איז דא די 'הבנה' וואס מ'דערהערט בשעת'ן ליינען. א 'כתב' פון אותיות און ווערטער האט נישט קיין הבנה, א 'כתב' איז א טויטע געשריבענע זאך, א חפצא בעלמא וואס ווערט אפגעשריבן לעדות ולזכרון, אויף צו פארשטיין פעלט זיך אויס א מענטש, א גברא מיט הארץ און שכל, וואס ער זאל ארויסליינען 'מתוך הכתב' און אויפלעבן דעם 'כתב'.

ווען א מענטש רעדט, איז דא די ווערטער וואס ער רעדט, און סאיז אויך דא וואס מהערט ארויס פון זיין נישט רעדן, מ'הערט די שטילקייט ווי ער שטעלט זיך אָפּ, מ'הערט ווי שטארק ער שטעלט זיך אפ, אויף וואס פאר א דרגא. אזא דרגא אפשטעל מיינט אז ער האלט צווישן איין סענטינץ און די אנדערע, אביסל ווייניגער זיך אפגעשטעלט, מיינט אז ער האלט ביי א האלב פונעם סענטינץ וכדומה. אפילו א משהו 'ספעיס' וואס ס'איז דא צווישן איין ווארט און די אנדערע, אפילו א משהו פלאץ וואס ס'איז דא צווישן איין אות און די אנדערע, אלעס הערט מען ווען א מענטש רעדט, אדער בעסער געזאגט פון זיין נישט רעדן. זאל מען ווען נישט הערן די שטילקייטן, וואלט מען נישט געקענט פארשטיין וואס ער זאגט בכלל.

אויך ביים שרייבן איז דא ליידיגע חלקים וואס געבן אסאך צו, אז די באטראכסט א געשריבענע צעטל, איז דא ליידיגע חלקים צווישן די אותיות, צווישן די ווערטער, ווען נישט די אלע ליידיגע, וואלט נישט שייך געווען קיין געשרייבאכץ. 'אותיות' און 'ווערטער' דארפן האבן 'הקפת גוויל', אויב איז נישט דא קיין 'הקפת גוויל', זענען די אותיות און ווערטער בכלל נישט פארהאנען.

אבער דאס איז נאר אז די 'כתב' זאל גוט ארויסקומען, ס'זאל זיין ניכר די אותיות און די ווערטער, אבער דאס העלפט נישט פארן ליינען און פאר הבנה, פארדעם דארף מען האבן 'נקודות' און 'טעמים'.

די 'טעמים' זענען מסדר די 'סדר' פון די ווערטער, וועלכע ווערטער זאלן זיין צוזאמען, און וועלכע ווערטער זאלן זיין אפגעטיילט. להבדיל אזוווי ביים שרייבן דברי חולין לייגט מען צו פינטלעך און קאמע'ס, כביכול אזוי אויך די 'סוף פסוק' און 'אתנחתא', ווען נישט דעם וואלטן די ווערטער נישט געווען מסודר. און אזוי ווייטער אלע אנדערע טראפן, יעדער טראפ זיין דרגא אין דעם סדר הכללי פונעם פסוק, יעדער זיין דרגא ווי סאך ער זאל צוזאם שטעלן די ווערטער, און ווי סאך ער זאל זיי צוטיילן.

מ'איז אפשר יוצא די ליינען אפילו פון די פלענע ווערטער, אפילו ס'איז נישט מסודר, אבער די הבנה פונעם ליינען פעלט.

### טעמי המקרא במלכים ומשרתים

'טעמי המקרא' לויפט אויף מפסיקים (מלכים) און מחברים (משרתים), די מפסיקים טיילן אפ די ווערטער איינער פון די אנדערע, און די מחברים קאנעקטן די ווערטער, די 'מפסיקים' זענען סוף פסוק, אתנחתא, טפחא, זקף גדול, פשטא וכו', און די מחברים זענען מונח מרכא וכו'. די 'מפסיקים' ווערן אנגערופן 'מלכים' ווייל זיי זענען שולט אויף די פסוק, זיי שטעלן אויס די כללות'דיגע פארעם פון יעדער פסוק, דער 'סוף פסוק' שטעלט אָפּ אינגאנצן, ער איז די מערסטע שולט אויפן פסוק, נאכדעם קומט 'אתנחתא', וואס צוברעכט די פסוק אין צוויי, און אויב איז די פסוק איז אביסל לענגער, קומט צו א 'זקף קטן', וואס ער צוברעכט נאכאמאל אין צוויי, נאכדעם קומען אלע אנדערע, יעדער צוברעכט נאכאמאל. אזוי ווערט די פסוק צוטיילט אויף עטליכע קלענערע שטיקלעך, און די זאך איז מסודר צו קענען פארשטיין.

די מחברים (משרתים) האבן א פארקערטע ארבעט, 'מונח' און 'מרכא' וכדומה, זייער ארבעט איז צו מחבר זיין און ברענגן איין ווארט צום צווייטן. און ווען די טראכסט אריין זענען די 'מפסיקים' אויך 'מחברים', בצד מה, א 'אתנחתא' איז טאקע א 'מפסיק', אבער ער איז אויך א מחבר, ווייל ער איז נישט אזא שטארקע 'מפסיק' ווי 'סוף פסוק', קומט אויס אז מיט דעם איז ער א גרעסערע 'מחבר' ווי סוף פסוק, און די זעלבע זאך ווייטער, א 'זקף קטן' איז טאקע א מפסיק, אבער מיט דעם וואס ער איז נישט אזא שטארקע מפסיק ווי 'אתנחתא', מיינט דאס אז בצד מה איז ער אויך א מחבר, אביסל א גרעסערע מחבר ווי א 'אתנחתא'.

> מ'הערט די שטילקייט ווי ער שטעלט זיך אָפּ, מ'הערט ווי שטארק ער שטעלט זיך אפ, אויף וואס פאר א דרגא

ווען א מענטש רעדט פעלט זיך נישט אויס די אלע סימנים, פון זיך אליינס רעדט יעדער מענטש מיט די ריכטיגע הפסקות, ווען נישט וואלט מען נישט פארשטיין וואס מ'זאגט, אבער ביי א געשריבענע זאך, דארטן פעלט זיך אויס סימנים, די סימנים דערמאנענען דעם 'קורא' וויאזוי ארויס צוברענגן גוט דעם 'כתב'.

ווי מער פונקטליכער די דיבור און די כתב איז אין די דאזיגע ענין פון הפסקות, פארשטייט מען בעסער און לייכטער וואס ער זאגט. ווען א מענטש רעדט שנעל, דארפן די הפסקות זיינע אויך זיין שנעל, ווען מ'רעדט שטייט, דארפן אויך די הפסקות זיין מער שטייטער. אבער אין יעדענס פאל דארפן די הפסקות זיין אויסגערעכנט און פראצעזנטיש איינס קעגען די אנדערע, ווי ער ענדיגט די סענטיץ, דארף זיין די גרעסטע הפסק, ביי א האלב פון די סענטיץ, קומט די צווייטע דרגא אין הפסק, און נאכדעם נאך ווייניגער, און אזוי ווייטער.

### אֶת ואֵת

יעצט לאמיר צוקומען צו אֶת ואֵת, די כלל איז אז אויב ס'איז דא א טראָפּ אויף די ווארט 'את', למשל א 'טפחא', דאן וועט עס זיין געפינטעלט אֵת, און אויב איז נישט דא קיין טראָפּ, וועט

המשך בעמוד הבא

# ענינים

המשך

עס זיין געפינטלט אֶת. אֶת איז א ווארט פאר זיך, און אֶת איז א טפל צום נעקסטן ווארט. אֵת האט די נקודה צֵירֵי, וואס דאס איז א 'תנועה גדולה', און אֶת האט די נקודה סֶגול, וואס דאס איז א 'תנועה קטנה', 'תנועות גדולות' שטייען פאר זיך, און תנועות קטנות זענען מחבר. תנועות גדולות ווי קמץ חולם וכו', זענען מיט א צוזאמגעצויגענע מויל, און 'תנועות קטנות' ווי פתח סגול וכו', זענען מיט א אפענע מויל וואס מאכט מער א חיבור צווישן איין אות אינעם צווייטן און איין ווארט אינעם צווייטן.

לאמיר באטראכטן א ניגון, א ניגון האט א סדר וויאזוי ס'פארט, ס'איז דא די ערשטע פאל און ס'איז דא די צווייטע פאל וכו', און אין יעדער פאל אליינס איז דא א סדר, מ'פאנגט אָן אונטן און מ'גייט ארויף, מ'האלט זיך אביסל גראד (צומאל מער און צומאל ווייניגער, ווענט זיך וועלכע סארט ניגון, אבער בכללות האלט מען זיך גראד) און נאכדעם פאנגט מען אָם אראפ צו קומען שטייטלעך ביז מ'ענדיגט דעם פאל פונעם ניגון (עי' חשק שלמה לרש"פ [המלבים מביאו הרבה] אז 'ניגון' איז פון די לשון 'גן', א גארטן זעסטו אלע סארטן ירקות קליינע און גרויסע, געדרייטע און גראדע וועגן, ירקות מיט פארשידענע קאלירן, און אלעס קומט צוזאם אין איין הערליכע בילד, די זעלבע זאך א ניגון איז א צוזאמברענגאכץ פון אלע פארשידענע קולות, ארויף און אראפ, אהין אהער, און פון אלעס צוזאמען שטעלט זיך אויס א שיינע סדר וואס דאס איז א ניגון).

די זעלבע זאך די 'טראפן' האבן א סדר, מ'קען נישט פלוצלינג געבן א סטאפ, מ'דארף סטאפן צוביסלעך, למשל פאר א אתנחתא אדער פאר א סוף פסוק, דארף מען אנפאנגן אראפצוגיין צוביסלעך, מ'דארף ברענגען א טיפחא, וואס פאנגט אן אראפ צו גיין.און טאמער איז נישט דא ווי צו לייגן דעם 'טיפחא' נאר אויף די ווארט 'את', דאן וועט די ווארט 'את' מוזן שטיין פאר זיך, און פון אֶת וועט ווערן אֵת. און די זעלבע זאך איז אויך ביי די ווארט 'כל', טאמער פאר די סדר פון די ווערטער פעלט זיך אויס אז דער ווארט 'כל' זאל נעמען א טראפ, דאן וועט ער ווערן געפינטלט כל מיט א חולם, ווייל א חולם איז א 'תנועה גדולה' און שטייט פאר זיך, אבער טאמער דארף ער נישט נעמען א טראפ, וועט ער זיין געפינטלט א קמץ קטן וואס איז א תנועה קטנה, און ער וועט זיין מחובר צו די נעקסטע ווארט.

# פרשה

המשך

אין די הארץ און אין די גוף, זיי זאלן אים אָן פילן מיט חיים צו טון למעשה.

◆ **לשבת יצרה**

די פסוק זאגט אין קהלת (פרק ד ד) "וראיתי אני את כל עמל ואת כל כשרון המעשה, כי היא קנאת איש מרעהו", א מענטש קען נישט סובל זיין אז ער איז א 'חסר' און יענער איז א 'מלא', דאס איז וואס טרייבט אים זיך צו טרעפן א מיוחד'יגקייט,צו טרעפן א פלאץ ווי ער קען במיוחד ברענגען עפעס נוצן פאר די וועלט. יעדער מענטש זוכט מיט לעכט א פלאץ ווי די וועלט איז 'חסר' און ער איז אין דעם 'מלא', אזוי זאל ער קענען דארט ממלא זיין די חסרון העולם. ער לויפט אוועק פון אלעס און אלעמען וואס ער איז חסר, פון אלעס וואס ער קען דארט גארנישט צולייגן, און ער לויפט אהין דארט ווי ער קען עפעס ארויסברענגג, דארט ווי ער קען עפעס מוסיף זיין.

דאס זאגט שלמה המלך מיט א פחד, 'ראיתי אני וגו'', מ'געט זיך א קוק ארום אויף די 'ישוב העולם' און מ'זעט אז די 'אנדערגראנט' פון אלעס, אז דאס איז 'קנאת איש מרעהו', אלעס איז געווארן פאבריצירט געווארן דורך 'קנאת איש מרעהו'. 'לשבת יצרה', דער אייבישטער וויל די 'ישוב העולם', דער אייבישטער האט ספעציעל באשאפן אזוי כדי די בריאה זאל זיך בויען, די 'קנאה' זאל טרייבן דעם מענטש צו מיישב זיין די וועלט.

אמאליגע צייטן האט די נושא פון 'כשרונות' באלאנגט צו 'פרנסה', 'כשרונות' זענען געווען די אלע 'מלאכות' וואס מ'האט עוסק געווען טאג טעגליך לצורך פרנסה, די ל"ט מלאכות וואס פעלן זיך אויס פאר די 'ישוב העולם', ס'איז געווען א חלק פון 'הנהג בהן מנהג דרך ארץ'.

היינטיגע צייטן אבער וואס אלעס איז מאשינערי, בלייבט ממש גארנישט איבער פארן מענטש ווי זיך ארויסצוגעבן, פון דעם איז געווארן אזא זאך ווי 'כשרונות' פאר א מושג און א ענין פאר זיך.

אבער נישט געזארגט, אויך היינטיגע צייטן שרייט ארויס פון די בריאה 'כל עמל וכל כשרון המעשה, כי היא קנאת איש מרעהו', אלע ווינדערליכע כשרונות קומט פון א 'נשיאת הלב' צו איבערשטייגן דעם צווייטן, און נאך מיט א שמיץ אריבער פון אמאל.

דער עיקר וואס מ'דארף וויסן די שטארקע כוחות פון כשרונות און זוכן עס אויסצונוצן פאר גוטע זאכן פאר פרנסה פאר נוי סוכה און אפילו סתם אויף צו זען די כשרונות אין וועלכע זאכן מ'איז במיוחד, דער עיקר אכטונג געבן נישט צו באגראבן א צווייטן וכדומה, נעמען די כשרונות נאר פאר גוטע זאכן.


**◆ נא לא לקרוא הגליון בעת התפילה וקריאת התורה ◆**

**לשמוע שיעורי הרב שליט"א בקול הלשון - 1-646-655-0559**

**אויף אידיש 1,**

**1.** שיעורים מהתקופה האחרונה | **2.** שיעורים | **3.** דיבאטעס | **4.** יום יומי שיעורים | **5.** על הפרשה | **6.** משנה וגמרא | **7.** הלכה | **8.** מוסר וחסידות |
**9.** סיפורי צדיקים | **10.** אינטערסאנטע טאפיקס | **11.** שבת | **12.** מועדים | **13.** נשואין | **14.** פארברענגען | **15.** מדרש | **16.** סליידס (שקופיות) | **17.** הצגות

**אויף נ"ך 2 - שיעורים על רוב תנ"ך.**

**אם ברצונכם לקבל הגליון במייל בכל שבוע, נא לפנות: zum-pintel+subscribe@googlegroups.com**
**או לשלוח בקשה: shalomlangs@gmail.com**

**לנדב הגליון לברכה והצלחה או לפרסם בו, וכן הרוצה להזמין את הרב שליט"א למסור שיעורים בישיבות ובכוללים,**
**נא להתקשר למכון מישרים 845-362-4982, או לשלוח מייל shalomlangs@gmail.com**



עיצוב: י.ב. +972-50-413-8477